# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**

**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' בא
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ד

## פראגע

**פארוואס האט דער איבערשטער געמאכט אז אזא גרויסער מענטש ווי משה רבינו זאל האבן א מויל-פעלער?**

## ענטפער:

עס האט עטליכע סיבות. איינס פון דעם איז אונז צו לאזן וויסן אז משה האט נישט פארקויפט די תורה פאר די אידן מיט א געשליפן צינגל (דרשות הר"ן). אויב וואלט ער געהאט א געשמירטע צינג וואלט מען עס אפשר געקענט ארויפלייגן אויף דעם. אבער משה האט נישט גערעדט קלאר, אהרן האט געדארפט רעדן. עס איז געווען זיין פערזענליכקייט וואס האט געהאלפן. משה איז געווען זייער א גרויסע סעילסמאן, אבער נישט מיט ווערטער, נאר מיט זיין כאראקטער. און אזוי איז עס געווען אין אלע דורות, אונזערע גרויסע לייט זענען נישט געווען קיין גרויסע אראטארישע רעדנער.

קאטא, דער רומישער סענאטאר, איז געווען א געוואלדיגער אראטאר, אבער ס'האט זיך נישט געלוינט אים אויסצוהערן. ווייל ער האט אגאנצן טאג נאר גערעדט פון מלחמה, מלחמה און מלחמה. אלע בארימטע רומישע ארטארן זענען געווען באקאנטע ליגנער; ס'איז גוט באקאנט.

אבער צווישן אידן, האבן מיר נישט געהאט קיין מעכטיגע רעדנערס. הלל איז נישט געווען קיין רעדנער. עס שטייט אין ערגעץ נישט אז אונזערע גרויסע מענטשן זענען אויסגערימט געווארן פאר זייער ארטארישן קראפט. אלע פון זיי האבן געהאט א מתרגמים, מענטשן וואס האבן גערעדט פאר זיי. זיי האבן געהאט יונגערע מענטשן מיט א הויכע קול, וועלכע האבן איבערגעגעבן זייערע ווערטער. די איינציגסטע וואס האבן געקענט גוט רעדן זענען געווען די נביאים. זיי האבן גערעדט הערליך. ווייל זייערע ווערטער האבן געדארפט געדענקט ווערן.

איך גיי אייך אבער יעצט אויסזאגן א קליינע סוד. שפעטער, נאך מתן תורה, איז משה רבינו געווארן איינע פון די בעסטע רעדנערס. דער מדרש זאגט עס. נאכדעם וואס די אידן האבן שוין מקבל געווען די תורה, האט משה רבינו שוין געקענט רעדן. און מיר האבןביישפילן פון משה'ס ווערטער. "תפלה למשה איש האלקים" (תהלים צ). די קאפיטל איז א הערליכע שטיקל פאעזיע. אודאי איז עס געשריבן מיט רוח הקודש, אבער דער איבערשטער רעדט נישט דורך שטומפיגע כלים. ער שיקט זיין נבואה דורך כלים פון גאלד און זילבער. און משה רבינו איז געווארן א געוואלדיגער רעדנער צום סוף, נאכדעם וואס די תורה איז שוין אנגענומען געווארן.

**מענין לענין, פון טעיפ R-22:**

**שואל: ביז היינט האב איך נאכנישט געטראפן צופיל גדולים, חוץ דעם רב.**

**הרב:** איך בין נישט קיין גדול; זייער ווייט פון דעם.

**שואל: פיין, איך בין אבער זייער באאיינדרוקט פון אייער שפראך.**

**הרב:** א גדול מיינט נישט איינער וואס האט א גוטע שפראך. א גדול שטאמלט ווען ער רעדט. א מענטש וואס האט א גוטע שפראך איז נישט קיין גדול, ער איז א רעדנער.

**שואל: אקעי. איך מיין איר פארשטייט וואס איך מיין. איך מיין איר האט עפעס פון גדולה.**

**הרב:** איך בין א רעדנער. א גדול קען נישט רעדן. א גדול קען טראכטן!

פראגע

## וויאזוי קען מען עומד זיין בנסיון אין אזא דור וואס איז אזוי אוממאראליש און פארדארבן?

ענטפער:

די גמרא זאגט – **למה נסמכה פרשת נזיר לפרשת סוטה"** (סוטה ב.) - פארוואס זענען די צוויי פרשיות פון נזיר און סוטה איינס נעבן צווייטן? ווייל **"כל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין"** – אונז צו לערנען אז ווען איינער זעט וואס איז געשען צו א סוטה, זאל ער ווערן א נזיר, ער זאל מקבל זיין נזירות אויף זיך. ווען מען זעט עפעס אזוי נידריג, אזוי אוממאראליש, איז עס א סימן אז מען דארף זיך אליינס שטארקן אז מען זאל ח"ו נישט נכשל ווערן.

דער חובת הלבבות לערנט פשט אזוי: ער זאגט ווען מען זעט א דור וואס איז פרוץ, א דור וואס איז שוואך אין א געוויסע זאך, דארף מען גיין צו די פארקערטע דירעקציע און זיין עקסטרעם אויף די אנדערע זייט.

און דערפאר, היינט דארפן מיר זענען **נאך מער** נזהר אין צניעות ווי אונזערע עלטערן זענען געווען. מיר זענען מחויב מער **מחמיר צו זיין** ווי זיי. במילא זאגט נישט אז אמאל איז געווען מותר יחוד אויב ס'איז געווען "בעלה בעיר" – דאס מיינט אויב די מאן איז אין שטאט און א משולח קומט צום טיר, האט מען אים געמעגט אריינגעמען אין געבן עפעס צו עסן, ווייל "בעלה בעיר" און ס'איז נישט דא קיין איסור יחוד. ניין, היינט לוינט זיך מער נישט צו נוצן דעם היתר. מען קען זיך נישט פארלאזן אויף דעם אינעם היינטיגן דור, וואס איז אזוי פרוץ.

חוץ דעם, בעלה בעיר אין יענע צייטן האט געמיינט אז ס'איז געווען א קליינע שטעטל. אבער אויב איז ער אין מאנהעטן און זי איז אין ברוקלין, דאס הייסט נישט בעלה בעיר. אבער אפילו ביידע זענען אין ברוקלין, טאר מען אויך נישט. די כלל האלט שוין נישט אויס היינט. מען דארף מחמיר זיין אין דיני יחוד פיל מער ווי אמאל.

וועגן דעם, בכלליות איז וויכטיג פאר אונז זיך צו היטן מיט נאך מער קדושה ווי אונזערע אור-עלטערן. וועט איר פרעגן, וויאזוי קען עס זיין? נישט קיין חילוק, דאס איז וואס ס'פעלט זיך אויס.

איר ווייסט, אמאל איז נישט געווען קיין איסור יחוד מיט א פנויה, מיט א נישט-חתונה-געהאטע מיידל, אבער אין די צייטן פון דוד המלך איז עפעס געשען און די חכמים האבן דעמאלטס גוזר געווען אויף יחוד של פנויה. זעען מיר פון דעם אז זיי האבן געדארפט מאכן חומרות ווען עפעס איז געשען. און מיר היינט דארפן אויך מאכן חומרות, בלויז דערפאר ווייל מיר זעען די פריצות וואס טוט זיך אויף אלע זייטן. (#926)

פראגע

## פון וואו קען א מענטש וויסן אויב ער דארף באמת א וואקאציע, אדער ס'איז סתם עצת היצר?

ענטפער:

פאר דעם דארף יעדע מצב עקסטער באטראכט ווערן און עס איז נישט שייך פאר מיר צו געבן א כלליות'דיגע ענטפער.

האט איר הנאה פון אייער ארבעט? דאן דארפט איר נישט קיין וואקאציע. אויב זענט איר אויסגעמוטשעט, וועט א וואקאציע נישט העלפן. צוויי וואכן פון העפטיג ארומלויפן אין אומגעוועגליכע פלעצער, דאס בארואיגט נישט. אויב ווילט איר באמת א וואקאציע און איר בלייבט אינדערהיים שלאפן אגאנצן טאג, אפשר! אבער נוצן א וואקאציע צו גיין אויף פלעצער? חוץ פון אויסגעבן אסאך געלט וואס מען קען נוצן פאר בעסערע זאכן, וועט איר גיין אויף אומגעוועגליכע פלעצער, איר וועט זיך איבערעסן אין האטעלן, און כסדר ארומלויפן. דאס איז נישט וואקאציע. עס איז סתם נאכגעמאכט די עולם גולם. איר וועט צוריקקומען טויט אויסגעמוטשעט און אנהייבן נאכאמאל ארבעטן.

במילא, רוב מענטשן שניידן בעסער אפ אויב זיי נעמען נישט די סארט וואקאציעס. אויב א מענטש דארף באמת א וואקאציע, זאל ער בלייבן אינדערהיים און שלאפן פאר צוויי וואכן, דאן וועט ער צוריקקומען מיט פרישע כוחות צו ארבעטן.

איך ווייס אז קיינער גייט מיך נישט אויסהערן, אבער איך זאג עס נאך אלץ...

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com


דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
מהדורת שלמה
רבי אביגדור ענטפערט
2
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי ההיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com



באשיינט אייער
שמחה,
שבת התוועדות
- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות
קאסטום לויט אייער געשמאק
נֹעַם שַׁבָּת
פרשת שמיני
שנת תשע"ח לפ"ק
שבת התוועדות
של
משפחת פישער
קראון פלאזא האטעל
שב"ק פ' שמיני תשע"ח לפ"ק
בעזהשי"ת
זמירות לשבת
עם ניגונים ושירים באידיש
שבת שבע ברכות
של
עקיבא ורחל ברכה
שלעזינגער
סידור
לשבת קודש
חומש
לפ' כי תצא
שמחת העליי לתורה
של החתן
שלמה פריעד
צו באשטעלן רופט:
מערכת להתענג 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב